ROSKIES / LIT 7508



יצחק באַשעוויס

# פּראָבלעמען פון דער אידישער פּראָזע אין אַמעריקע

דער באַרג־אַראָפּ פון אַ שפּראַך דריקט זיך אויס קודם־כל אין דעם וואָס זי הערט אויף צו דינען אַלע צוועקן און ווערט באַגרעניצט פאַר ספּעציעלע צוועקן. אַזוי האָט עס פּאַסירט מיט אַלט־גריכיש, מיט לאַטיין, און ביי אונז אידן — מיט העברעאיש און שפּעטער מיט אַראַמעאיש. די לעצטע צוויי לשונות זיינען קיינמאָל נישט געווען ביי אידן פולשטענדיק טויט. מען האָט זיי גענוצט אין ספרים, אין תפילות, אָבער זייער אָנווענדבאַרקייט איז ווייטער פון די דאָזיקע גרעניצן נישט געגאַנגען. ערשט חיבת־ציון, דער ציוניזם, און הויפּטזעכלעך דער נייער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָבן ווידער פאַרברייטערט די נוצבאַרקייט פון העברעאיש.

עס איז פאַראַן אַ היפשער אונטערשייד צווישן דעם, אויב אַ שפּראַך בלייבט נישט־אַנטוויקלט, אָדער ווען זי ווערט הינטערשטעליק. די שפּראַך פון אַ פּרימיטיוון שבט אין אַפריקע מעג זיין אומפאַרגלייכלעך אָרעם אין ווערטער אין באַצוג צו אַן אייראָפּעאיש לשון, און דאָך איז זי לעבעדיק און פולקאָם, ווען מען קאָן דורך איר איבערגעבן אַלע יענע באַגריפן, וואָס די גרופּע אָדער שבט האָט זיך געשאַפן. גאַנץ אַנדערש איז ווען אַ שפּראַך הויבט אָן גיין אויף צוריקוועגס, אין דער צייט ווען דאָס פאָלק און זיין אינטעליגענץ גייט פאָרויס. די דיספּראָפּאָרציע איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס דאָס פאָלק רעדט וועגן געוויסע זאַכן אויף אַן אַנדערער שפּראַך און ווענדט־אָן די פריערדיקע שפּראַך בלויז ביי דער אָדער יענער געלעגנהייט. אַ סך ווערטער, וואָס האָבן איינמאָל געהאַט אַן עקזאַקטע באַדייטונג, פאַרלירן דורך דעם זייער מיין און באַקומען אַ מליצהדיקן זין. אַנדערע ווערן אינגאַנצן פאַרגעסן. קיין נייע קומען נישט צו, אָדער זיי קומען צו בלויז אין

---

די מיינונגען, וואָס יצחק באַשעוויס זאָגט אַרויס אין דעם אַרטיקל וועגן דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אַמעריקע, זיינען ניט די מיינונגען פון דער „סביבה". מיר וועלן זיך נאָך צו די באַרירטע פראַגן אומקערן.

סביבה, נומ׳ 2 (מאַרץ-אַפּריל 1943): 2-13.

16

ISAAC BASHEVIS SINGER

# Problems of Yiddish Prose in America (1943)

A LANGUAGE'S DECLINE first becomes evident when it ceases to serve *all* purposes and is consigned to specialized functions. So it was with ancient Greek, so with Latin, and so among Jews with Hebrew and, later, Aramaic. These last two languages never completely died for the Jews. They survived in religious texts and liturgy; however, their use no longer extended beyond these areas. Only with the *Hibbath Zion* movement, that is, with Zionism, and more specifically with the renewed Jewish settlement of the Land of Israel, did Hebrew once again expand its range.

There is a considerable difference between an undeveloped language and an obsolete one. The word pool of a primitive African tribe might seem immeasurably poor when compared to that of a European language, and yet be vital and perfectly expressive of that group or tribe's particular worldview. The situation is completely different when a language moves backwards in time while its speakers and intelligentsia move forward. This disproportion stems from the speakers' expressing most things in another language, turning to the original only in certain situations. Many words thus lose their earlier, specific meanings and assume idiomatic connotations. Others are completely forgotten. New words fail to appear, or appear only in particular categories and in disharmony with the original lexicon. With time the

---

The opinions expressed by Isaac Bashevis in this article on Yiddish language and literature in America are not those of the editors of *Svive*. We shall return to these matters in the future. [Editorial note in *Svive*, no. 2, March–April, 1943.]

PROOFTEXTS 9 (1989): 5-12 © 1989 by The Johns Hopkins University Press

געוויסע צווייגן און אין דיסהאַרמאָניע מיטן פריערדיקן ווערטער־שאַץ. מיט דער צייט געפינט זיך די שפּראַך פולשטענדיק אונטערן צייכן פון געשיכטע. זי געהער, קאָן מען זאָגן, צו אַן אַנדערער עפּאָכע.

עס איז טרויעריק צו זאָגן, אַז אַזאַ פּראָצעס קומט טיילווייז פאָר היינט צו טאָג מיט אידיש, ספּעציעל אין אַמעריקע. אַ סך אידן, וואָס ריידן נאָך אידיש ביי דער אָדער יענער געלעגנהייט, קאָנען זיך נישט באַנוצן מיט דעם זעלבן לשון אויף אַנדערע געביטן. דער דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, אינזשינער, אַגראָנאָם, טעכניקער, פאַבריק־אַרבעטער, וואָס רעדט נאָך אידיש צו זיין טאַטן אָדער זיידן, קאָן אָבער נישט באַנוצן זיך מיט אידיש, ווען ער רעדט אָדער שרייבט וועגן פיזיאָלאָגיע אָדער אַנאַטאָמיע, אין געריכט, אין דער לאַבאָראַטאָריע, אויף דער פאַרם, אָדער אין דער פאַבריק. ניט ער האָט אין אידיש די ווערטער פאַר זיינע באַגריפן און נישט עס איז פאַראַן די נויטווענדיקייט זיי צו געפינען.

דאָס לעבן איז דאָ אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און רייך, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין איין איד, וואָס קען אָנרופן אויף אידיש אַלץ, וואָס די אויגן זעען און וואָס דאָס האַרץ טראַכט. דערפאַרענע זשורנאַליסטן מאַטערן זיך ביים איבערזעצן פון ענגליש — נייעס, אָדער כראָניק. געשוואוירענע אידישיסטן מוזן נוצן מאַסן ענגלישע ווערטער און אויס־דריקן אין טאָג־טעגלעכן געשפּרעך. דערצו זיינען געוואָרן פאַרטריבן פון דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך פיל איינגעזעסענע ווערטער. אוודאי קאָן מען זאָגן: שרייב־מאַשין, אייביקע פעדער, איילבירטן, דאַמען־טאַש, אייז־קאַסטן, סופיט, קיך, טעפּיך, שרייב־טיש, פּאָדלאָגע, פּאָמידאָר, קאַר־ראָפיאָל, פּאָמעראַנץ, קינאָ, פאַנקוכן, קינדער־וועגעלע, אָבער מען זאָגט: טאַיפּרייטער, פאָונטען־פען, אַליווס, פּאָקעטבוק, אייס־באָקס, סילינג, קיטשען קאַרפּעט, דעסק, פלאָר, טאָמעיטאָ, קאַליפלאַוער, אָרענדזש, מאָאוויס, סקרעמבלד עגס און בייבי־קערידזש. אויף די יעניקע וואָס שפּאַרן זיך איין און ווילן אומבאַדינגט רעדן „ריין אידיש" קוקט מען ווי אויף קאָמישע לייט און מען מאַכט וועגן זיי וויצן. אַ גאַנצע רייע אידישע אויסדריקן און אידיאָמען זיינען אונז דאָ אין אַמעריקע געוואָרן פרעמד און מען אַסאָציאירט זיי אויסשליסלעך מיט דער „אַלטער היים". אַן אסיפה איז נישט גענוי קיין מיטינג, פונקט ווי אַ רב איז נישט קיין ראַבאַי, אַ צעטל איז נישט קיין טיקעט, אַ שאַנק איז ניט קיין קלאָזעט, אַ לערער איז נישט קיין טיטשער, אַ חברה־קדישא־מאַן איז נישט קיין אַנדערטייקער און אַ גריץ, איז נישט קיין סופּ. עפּעס האָט דאָ פּאַסירט, וואָס האָט די אויבן־דערמאָנטע היימישע אידישע ווערטער אַרויסגעשטופּט פון געברויך. ווען מען זאָגט אַ גימנאַזיסט, שטעלט מען זיך פאָר אַ גאַנץ אַנדער בילד, ווי ווען מען



language shows the indelible mark of history. It belongs, one might say, to another era.

It is sad to note that this has gradually become the case with Yiddish, especially in America. Many Jews who speak Yiddish on this or that occasion cannot make use of the language in other situations. Doctors, lawyers, engineers, agronomists, technicians and factory workers who still speak Yiddish to their fathers and grandfathers cannot use it when speaking or writing about physiology or anatomy, in the courtroom or in the laboratory, on the farm or in the factory. They cannot express the relevant concepts in Yiddish, nor is it necessary that they do so.

Life here is so rich and varied that probably no one could name in Yiddish everything that his eyes perceive or his heart conceives. Veteran journalists rack their brains to translate items and stories from English. The most committed Yiddish speakers must fall back on myriads of English words and expressions in their everyday speech. Besides, many venerable words are constantly being driven out of that everyday speech. Where we could easily make do with Yiddish equivalents, we substitute anglicisms instead: *shraybmashin* becomes typewriter; *eybike-pen*, fountain pen; *eylbertn*, olives; *damentash*, pocketbook; *ayzkastn*, icebox; *sufit*, ceiling; *kikh*, kitchen; *tepikh*, carpet; *shraybtish*, desk; *podloge*, floor; *pomidor*, tomato; *karafiol*, cauliflower; *pomerants*, orange; *kino*, movies; *fankukhn*, scrambled eggs; and *kinder-vegele*, baby carriage. The stubborn few who insist on speaking "pure Yiddish" are objects of ridicule and the butt of jokes. A whole troop of Yiddish expressions and idioms have become obsolete in America and are associated solely with the "old country." An *asife* is not precisely a meeting, nor is a *rov* exactly a rabbi, a *tsetl* a ticket, a *shank* a closet, a *lerer* a teacher, a *khevre-kadishe-man* an undertaker, or *grits* soup. Something happened here which forced these familiar Yiddish words out of usage. "*Gymnazist*" evokes a completely different image from "high school boy." "*Grits*" is irrevocably bound to our homely Yiddish shtetl.

The fact that Yiddish words have been trampled down in masses by the English language and that thousands of American concepts cannot be accurately rendered in Yiddish is only half the problem. Worse still is the fact that those who speak Yiddish here constitute a separate class, a particular sort of person. Here in America there are hundreds of types of Jews, representing extremely varied lifestyles, for whom Yiddish is simply not the natural language, and if a writer were to have them speak Yiddish in a novel or story it would sound like a translation. Just as it used to be awkward when a Hebrew writer would make a small town coachman say "Draw hither, thou wretch!" because of the inappropriateness of the biblical diction, so Yiddish words and idioms sound strange coming from the mouths of those who think and speak

זאָגט אַ האַי־סקול־באָי. דאָס וואָרט גריץ איז דורכאויס פֿאַרבונדן מיט אונדזערע היימישע אידישע שטעטלעך.

דער פֿאַקט, וואָס אידישע ווערטער ווערן פּאָרטראַטן מאַסנווייז דורך ענגליש און וואָס טויזנטער באַגריפֿן האָבן דאָ איבערהויפּט נישט קיין אַנטשפּרעכנדיקע ווערטער אויף אידיש, איז נאָך אַ האַלבע צרה. נאָך ערגער איז וואָס די יעניקע, וואָס רעדן דאָ אידיש, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ באַגרעניצטע קלאַס, אַ ספּעציפֿישן סאָרט מענטשן. עס זיינען דאָ אין אַמעריקע הונדערטער מינים אידן, פֿון די פֿאַרשיידנסטע פֿאַכן, וואָס רעדן אידיש איז נישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיי, און וואָס אויב אַ שרייבער וועט זיי לאָזן רעדן אידיש אין אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציילונג, וועט דאָס קלינגען ווי אַן איבערזעצונג. פּונקט ווי עס איז אַמאָל געווען אומגעלומפּערט, ווען אַ העברעאישער שרייבער האָט געלאָזט זאָגן אַ קליינשטעטלדיקן בעל־עגלה: „גש הלאה, בן־בליעל“, ווייל עס האָט פֿון די ווערטער געשמעקט מיט תנ״ך, אַזוי ווילד קלינגען אידישע ווערטער און אידיאָמען, ווען מען לייגט זיי אַריין אין מויל פֿון מענטשן, וואָס טראַכטן און רעדן ענגליש. דאָס איז די אמתע אורזאַכע פֿאַרוואָס דער בעסערער אידישער פּראָזאַיקער מיידט אויס באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק צו שרייבן וועגן אַמעריקאַנער אידישן לעבן. ער וויל נישט פֿעלשן דעם דיאַלאָג און עס איז אים דערווידער צו שילדערן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַן ענגן קרייז פֿון עלטערע אָדער פֿאַרגרעבטע אימיגראַנטן. די אַמעריקאַנער אידישע יוגנט איז אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן ווי העלדן פֿון אַ ראָמאַן אויף אידיש. מען קאָן נישט איבערגעבן זייערע רייד, זייערע געדאַנקען — אין ווערטער, אין וועלכע עס האָבן גערעדט און געטראַכט אַנדערע מענטשן, אין אַן אַנדערער צייט. עס איז אַ פֿאַקט נישט אָפּצולייקענען, אַז עס איז ביז איצט זעלטן דערשינען אַ גוט פּראָזע־בוך, וואָס האָט באַשריבן דאָס אַמעריקאַנער אידישע לעבן. די שפּראַך איז דאָ אַ צוים נישט איבערצוטרעטן. אַ בעלעטריסט קאָן נישט שאַפֿן אין אַ לשון, וואָס איז גלייך פֿון אָנהייב אָן אַן איבערזעצונג. עס איז גלייך אַזוי מיאוס צו לאָזן שטענדיק רעדן די העלדן אַ צעבראָכן און פֿאַרגריזט לשון. מען קאָן נישט שאַפֿן קיין ליטעראַטור אין גענדזן־פֿיסלעך! . . .

די זעלבע סיבה, וואָס שטערט דעם אידישן פּראָזאַיקער צו שילדערן דאָס אַמעריקאַנער לעבן, טרייבט פּראָפּאָרציאָנעל אַ צו־גרויסע צאָל טאַלאַנטן אין אַמעריקע צו זוכן זייער אויסדרוק אין דער פּאָעזיע. דער ליריקער איז נישט פֿאַרפּליכטעט צו קיין שום אַנדערן העלד, אויסער צו זיך אַליין, און ער קאָן ריידן אַזוי ווי ער וויל און אין זיין



in English. This is really why the better Yiddish prose writers avoid, consciously or unconsciously, writing about American Jewish life. They don't want to falsify the dialogue, and they find it distasteful to describe, again and again, a narrow circle of old people or coarse immigrants. Young American Jews are automatically barred from being portrayed in Yiddish fiction. Their speech and thought cannot be conveyed through words that expressed the speech and thought of other people in another time. It is undeniable that up to now good prose works describing American Jewish life have been rare. Language is an insurmountable barrier. A belletrist cannot work in a language that is inherently untranslatable. It is equally abhorrent to let the characters babble on in broken, error-ridden speech. One cannot create a literature within quotation marks! . . .

The same factors that prevent Yiddish prose writers from describing American life conversely drive too many talents in America to seek expression through poetry. The lyricist is beholden to no character but himself, so he can speak just as he pleases, with his own tune. Hence, the plethora of poetry here. The same phenomenon dominated (and continues, to a degree, to dominate) Hebrew literature. At a time when Yiddish literature still had great prose writers—Mendele, Sholem Aleichem, Peretz—Hebrew literature was distinguished mainly for its poets. Hebrew prose was far, far behind the poetry. The real talents were reluctant to burden their men and women with the language of the Bible and the Mishnah. Words undermined deeds. Only in the Land of Israel, where Hebrew is gradually becoming a living language and is therefore no longer confined to some tiny prayer house, can an original Hebrew prose develop.

אייגענעם נוסח. דערפון נעמט זיך דאַ די מזל־ברכה אין פּאָעזיע. די זעלביקע דערשיינונג האָט געהערשט (און הערשט נאָך טיילווייז) אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אין דער צייט, ווען די אידישע ליטעראַטור האָט נאָך געהאַט גרויסע פּראָזאַיקער — מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ — האָט די העברעאישע ליטעראַטור זיך אויסגעצייכנט אויסשליסלעך מיט פּאָעטן. די העברעאישע פּראָזע איז געווען ווייט־ווייט הינטערשטעליק צו דער פּאָעזיע. דער אמתער טאַלאַנט האָט זיך געשעמט צו לאָזן רעדן זיינע אידן און אידענעס מיט אַ לשון פון תנ״ך און פון דער משנה. די ווערטער האָבן ווי אָפּגעלייקנט די מעשים. ערשט אין ארץ־ישראל, וואו העברעאיש ווערט אַלץ מער אַ לעבעדיקע שפּראַך, און איז דערצו נישט באַגרעניצט צו דעם אָדער יענעם קלייזל, קאָן אַנטשטיין אַ העברעאישע פּראָזע, וואָס זאָל זיין אָריגינעל.

אַט די באַגרעניצקייט פון אידיש אין אַמעריקע — און אויך אין אַנדערע לענדער — איז אַ פאַקט, וואָס מוז פולשטענדיק גענומען ווערן אין באַטראַכט, ווען מען רעדט וועגן די מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון פון דער אידישער פּראָזע. די קריטיקער, וואָס מאָנען ביים אידישן שרייבער צאַפּלדיקע ווערק, אָפּשפּיגלונגען פון דער היגערווירקלעכקייט, פאַרזען דאָס פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר אַ שרייבער, וועלכער מוז שרייבן אין אַ שפּראַך, וואָס פונקציאָנירט בלויז טיילווייז. מיט געווער, וואָס מען שטעלט אויס אין מוזעאום, קאָן מען נישט פירן קיין בליץ־קריג. מיט ווערטער, וואָס פון טאָג־צו־טאָג פאַרלירן זיי אַלץ מער זייער פרישקייט, זייער אַקטועלקייט און פון וועלכע עס שמעקט אַלץ מער מיט פאַרגאַנגענהייט און מיט ערגעץ־אַנדערשדיקייט (אויב מען קאָן אַזוי זאָגן), קאָן מען נישט איבערגעבן אַ לעבנס־שטייגער, וואָס לויפט פאָרויס מיט אַן אומגעהויערן אימפּעט און וואָס די רייכע און איביק־זיך־באַנייענדיקע ענגלישע שפּראַך קאָן קוים דעריאָגן. אונדזער לשון ווערט אַלץ ווייניקער געגנווערטיק און אַלץ מער אַרכאַאיזירט. גלייך ווי די לשון־קודשדיקע מליצה, די שברי־פּסוקים, שלעפּן אַ סך אידישע ווערטער און אויסדריקן נאָך זיך נישט־געוואונטשענע אַסאָציאַציעס, צויטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר שפּראַכן, וואָס זייער נוץ איז אַ באַגרעניצטער. עס איז פאַראַן אַ טענדענץ צו האַלטן אין איין שטעלן איבער ווערטער און פראַזן גענדזנפיסלעך. מען האָט צומאָל דאָס געפיל, ווי מען וואָלט נישט גערעדט, נאָר ציטירט.

The limitations of Yiddish in America, and in other countries as well, is a fact which must be fully appreciated when discussing the perspectives and possibilities of Yiddish prose. Critics who demand that Yiddish writers produce fresh works, reflections of local reality, overlook the problem facing those who must write in a language that is only partially functional. Weapons from a museum will not do in a modern blitzkrieg. Neither can words that each day lose more freshness and authenticity and smell more and more of the past and of otherworldliness (if one can so put it) convey a lifestyle which hurtles forth with such extraordinary speed that even the rich and ever resilient English language can scarcely keep pace. Our language is becoming less and less vital, more and more outmoded. Like the flourishes and fragments of the holy Hebrew tongue, many Yiddish words and expressions drag along unintended associations, ragged labels characteristic of languages whose use is constricted. There is a tendency to place words and phrases within quotation marks. One often feels that one is not speaking, but citing.

די יידישע שפראך האט זיך אנטוויקלט אין און ארום דער יידישער היים, דעם בית־מדרש, דעם קרעמל און דעם בעל־מלאכהשן ווארשטאט. די צאל קעגנשטאנדן און באגריפן איז געווען און געבליבן זייער א באגרעניצטע. עס זיינען אפילו כמעט נישט געווען קיין נעמען פאר פייגל און בלומען. א סך רוסישע און פוילישע נעמען, וואס אידן האבן אמאל גענוצט, האבן דא, אין אמעריקע, קיין שום בארעכטיקונג נישט. עס האט נישט קיין זין צו שרייבן דא וואראבייטשיק, אדער ורובעל. דאס זיינען ווערטער, וואס כאטש מען האט זיי גענוצט אין אידיש, האבן זיי זיך קיינמאל נישט גענוג טיף איינגעווארצלט אין דער שפראך, א באווייז, אז מען האט אין פארשיידענע געגנטן גענוצט אנדערע נעמען. אזעלכע ווערטער ווי וויעטשערע, שטשערקע, פאדעשווע, פזשישווע, כאלעווע, גארטשיצע, זאוויאסע, קלינגען אויסטערליש, ווען מ׳געברויכט זיי אין אידישע ביכער געשריבן אין אמעריקע, ספעציעל אין ביכער וועגן אמעריקאנער לעבן. א גרויסע צאל אידישע ווערטער און אויסדריקן זיינען אזוי שטארק פארבונדן מיט דער אלטער היים, אז ווען מען באנוצט זיי דא, קומען זיי פאר נישט בלויז איבערגעטראגענע פון אן אנדער לאנד, נאר אויסגעבארגט פון אן אנדערן באגריפן־סיסטעם, וואס די צייט האט האלב־ליקווידירט. אין אלגעמיין קאן מען זאגן, אז ווי ארעם דער אידישער ווערטער־שאץ איז נישט געווען אויף יענער זייט אטלאנטיק, איז דא זיין ארעמקייט א סך גרעסער געווארן. עס זיינען, ערשטנס, ארויס פון נוץ מאסן פראווינציאליזמען, וואס מען האט געקאנט ווי עס איז טאלערירן אויפן ארט, אבער וועלכע די עמיגראציע האט אזוי גוט ווי אפגעווישט. צווייטנס, האט די עמיגראציע געטאן שאדן א סך טיפיש־אידישע ווערטער און אוסדריקן, וואס האבן דא אין אמעריקע עפעס פארלארן זייער באדן. אזעלכע היימישע אידישע ווערטער, ווי א פאמשאף, א שגץ, א דארף־גייער, א מעקלער, אדער אזעלכע ווענדונגען ווי: טאנצן פון שמחה, האקן א טשייניק, האבן עגמת־נפש, עסן קדחת, שרייען חי־וקים, זיך קראצן אין דער לינקער פאה און א סך, א סך אנדערע, זיינען עפעס ווי געבליבן גרין אין אמעריקע. עס קלינגט כמעט לעכערלעך, ווען עמיץ זאל שרייבן: „דבורה־לאה איז אוועק צו וואנאמעיקערן און געקויפט א קאפטל״. אדער: „ווען בונעם האט זיך אומגעקערט מיט דער פראם פון סטעטן־איילאנד, האט אים פעסע־ברײנע דערלאנגט א וויעטשערע פון שעפסענע קאטלעטן מיט צעריבענע קארטאפל, מיט ארבעטס־שויטן, באשמאלצן מיט בראט־יויך״. די אידישע ווערטער און אפילו די אידישע נעמען, וואס זיינען אונדז אזוי נאענט און היימיש, גרילצן דא אין די אויערן. א בעלעטריסט



The Yiddish language developed in and around the Jewish home, the synagogue, the shop and the artisan's workhouse. The sum of its objects and ideas remained very limited. There were hardly even any names for birds and flowers. Many Russian and Polish words once in usage among Jews have completely lost their legitimacy here in America. It no longer makes sense to call a sparrow *vorobeytshik* or *vrubl*. These are words which, although used in Yiddish, never really became entrenched in the language, an indication that other words were spoken elsewhere. Such words as *vyetshere* [supper], *shtsherke* [towel], *podeshve* [sole of a shoe], *kholeve* [bootleg], *gortshitse* [mustard] and *zavyase* [hinge] sound strange when used in Yiddish books written in America, especially books dealing with American life. A great number of Yiddish words and phrases are so tightly bound to the old country that, when used here, they appear not only to be imported from another land, but borrowed from a completely alien conceptual system, half obliterated by time. In general, it can be said that however poor the Yiddish lexicon was on the other side of the Atlantic, here its impoverishment has become even greater. First, scores of provincialisms which were more or less tolerated in their places of origin have disappeared, victims of emigration. Secondly, emigration has also harmed many widespread Yiddish words and expressions which, here in America, have lost their native vitality. Such familiar Yiddish words as *pomshof* [garbage], *sheygets* [gentile boy], *dorfgeyer* [village wanderer or peddler], and *mekler* [broker], and such idioms as *tantsn fun simkhe* [to dance for joy], *hakn a tshaynik* [to bang on a kettle, i.e., to babble or pester], *hobn agmes-nefesh* [to have heartache], *esn kadokhes* [to eat shit], *shrayen khay-vekayem* [to scream/protest in vain], *zikh kratsn in der linker peye* [to scratch one's left sidelock, i.e., to be puzzled or undecided], and many, many others, have somehow remained "green' in America. It sounds almost laughable when someone writes: "*Dvoyre-Leye iz avek tsu Vanameykern un gekoyft a koftl*" [Devorah-Leah went to Wanamaker's and bought a jacket], or: "*Ven Bunem hot zikh umgekert mit der prom fun Stetn Ayland, hot im Pese-Brayne derlangt a vyetshere fun shepsene kotletn mit tseribene kartofl, mit arbes-shoytn, bashmoltsn mit brotyoykh*" [When Bunem returned on the ferry from Staten Island, Pese-Brayne served him a supper of lamb chops with mashed potatoes and string beans, smothered in gravy]. The Yiddish words and even the names, so familiar to us, grate in our ears here. A belletrist is the first to perceive the false tone they have acquired. Translating the English words "lamb chops," "mashed potatoes," "string beans," "gravy," and "ferry" into their literal Yiddish equivalents robs the sentence of all its local color and confuses the description.

איז דער ערשטער צו דערהערן דעם פאלשן קלאנג, וואס זיי האבן דא באקומען. דאס איבערזעצן די ענגלישע ווערטער לעם־טשאפס, מעשד־פאטייטאס, סטרינג־בינס, גרעיווי און פערי אויף אידיש, נעמט צו פון דעם זאץ דעם גאנצן לאקאלן קאלאריט און צעמישט דאס בילד.

ווערטער, גלייך ווי מענטשן, באקומען צומאל א שווערע דערשיטערונג, ווען זיי עמיגרירן, און אפט בלייבן זיי אויף שטענדיק אומבאהאלפן און עפעס נישט זיי אליין. דאס האט גענוי פאסירט מיט אידיש אין אמעריקע. די קליינשטעטלדיקע אימיגראנטן האבן געבראכט מיט זיך, בדרך־כלל, ווייניק אידיש וויסן, אן ארעמען ווערטער־שאץ, א געוואלדיקן חשק זיך צו אמעריקאניזירן. אלץ, וואס זיי האבן דא אויפגעטאן פאר אידיש, האט געטראגן — פון שפראכלעכן שטאנדפונקט — א נעגאטיוון כאראקטער. זיי האבן אונדזער לשון וואולגאריזירט, אויסגעמישט מיט הונדערטער ענגלישע און פארענגלישטע ווערטער און אויסדריקן, און געשאפן א קודערוועלש, וואס קיין שום ערנסטער אידישער שרייבער קען אים נישט באנוצן מיט א ריין געוויסן. ליטעראטור ווערט געשאפן ווען א שפראך ווערט רייף, ווען זי קריסטאליזירט זיך, ווען די שפראכלעכע לאווע — אזוי צו זאגן — הויבט זיך אן אפקילן און אפזעצן, נישט ווען זי קאכט און גיסט זיך און בייט אירע פארמען פון מינוט צו מינוט. עס איז פאראן א געשפאלטנקייט, א צוויייקייט אין דער פסיכאלאגיע פון דעם אידישן פראזאיקער, וואס פרואווט שרייבן וועגן אמעריקע. די אלטע באחנטע ווערטער האבן צופיל טראדיציע; די נייע זיינען עפעס פרעמד און ביליק און פאסן זיך נישט צום רומל. עס הויכט פון די אמעריקאניזמען מיט פרעמדקייט, מיט ביליקן טאראם, מיט דערווייליקייט. דער סך־הכל איז, אז דער בעסערער אידישער שרייבער אין אמעריקע מיידט אויס צו באשרייבן דאס אמעריקאנער לעבן, און ער איז סוביעקטיוו (קינסטלעריש) גערעכט. זיין שפראכלעכער פונדאמענט איז דא פולשטענדיק אונטערגעגראבן.

ווען אברהם מאפו האט זיך אוועקגעזעצט טראכטן וועגן א טעמע פאר א העברעאישן ראמאן און צום סוף אויסגעקליבן די געשיכטע, וואס ווערט באשריבן אין „אהבת ציון", איז ער געווען קינסטלעריש קאנסעקווענט. העברעאיש האט דאן בעסער געפאסט אויף צו באשרייבן א פאסירונג און העלדן פון פאר דריי טויזנט יאר צוריק אין ארץ־ישראל, איידער די געשעענישן און די מענטשן פון דער שטאט, וואו ער, מאפו, האט געוואוינט. אויף איבערגעבן דעם איצט — איז אידיש געווען דאמאלס און אן ערך מער צוגעפאסט. דער אידישער שרייבער



Words, like people, sometimes endure a severe disorientation when they emigrate, and often they remain forever helpless and not quite themselves. This is precisely what happened to Yiddish in America.

Most of the small town immigrants brought with them a smattering of Jewish learning, a poor vocabulary, and a tremendous desire to become Americanized. What they did to Yiddish here had—from a linguistic point of view—a negative effect. They vulgarized the language, mixing in hundreds of English and anglicized words and expressions, and creating a gibberish which no self-respecting Yiddish writer could use in good conscience. Literature is created when a language is ripe, crystallized, when the linguistic lava—so to speak—has begun to cool and harden, not when it is still bubbling and flowing and changing shape every minute. There is a split, a division in the mindset of Yiddish prose writers who try to write about America. The graceful words have *too much* tradition; the new ones are somewhat strange and tawdry, and ungainly to boot. Americanisms reek of foreignness, of cheap glitter, of impermanence. The result is that the better Yiddish writers in America avoid treating American life, and they are subjectively (aesthetically) right to do so. Their linguistic foundations are completely undermined here.

When Abraham Mapu, after considering themes for a Hebrew novel, finally chose the history that would be the basis for *Ahavat Zion*, he was being artistically consistent. At that time, Hebrew was better able to describe incidents and characters of the Land of Israel three thousands years ago than the events and personages of Mapu's own city. As I relate this now, Yiddish has proven no more adaptable. The

אין אַמעריקע, וואָס איגנאָרירט בראָדוויי און אפילו איסט-בראָדוויי און קערט זיך אום טעמאַטיש קיין וואַרשע, קיין ווילנע, קיין לאָדזש, אָדער גאָר צו די צייטן פון קאַזימער דעם גרויסן, טוט עס נישט דערפאַר, ווייל ער „אַנטלויפט פון דערווירקלעכקייט‟, נאָר דערפאַר וואָס דאַמאָלס און דאָרט האָבן אידן גערעדט אידיש און דאָ ריידן זיי ענגליש, אָדער אַ זשאַרגאָן, וועלכן ער, דער שרייבער, האָט נישט ליב, און דאָרט, וואו עס איז נישט פאַראַן קיין ליבע צום וואָרט, קאָן נישט דאָס וואָרט זיין שעפעריש. עס איז שוין צייט זיך קלאָר צו מאַכן, אַז דער אידישער שרייבער איז דורך זיין שפּראַך אַ שקלאַף פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיינע גרעניצן אין אָרט זיינען די גרעניצן פון פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע, און פון צייט — די דאַטע, ווען ער האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ מוז ער ליטעראַריש עסן פון גרייטן. וואָס ער האָט זיך נישט צוגעגרייט אויף יענער וועלט, קאָן ער נישט געניסן אויף דער וועלט . . .

◆

די אוממעגלעכקייט פאַר דעם אידישן פּראָזאַיקער אין אַמעריקע צו שילדערן דעם היינט ; נאָכצולויפן נאָך דער צייט, צווינגט אים אָפט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער אידישער געשיכטע און וועגן אידישקייט בכלל, אפילו דאַמאָלס, ווען דער שרייבער אַליין איז בטבע נישט גענייגט זיך צו גריבלען אין אונדזערע אַרכיוון. גלייך ווי דער העברעאיסט האָט געמוזט און מוז אַריינקוקן אין תנ״ך, אין משניות, אין דער גמרא און אין מדרש, אויב ער וויל זיין פאַרבונדן מיט די מקורים פון העברעאיש, אַזוי הויבט איצט אָן אידיש צו טרייבן דעם אידישן שריפטשטעלער צו פאָרשן די אידישע פאַרגאַנגענהייט, דעם אַמאָלקן לעבנסשטייגער, אַלערליי דינים, מנהגים, פירעכצער. דער חלום וועגן אַ אידיש וועלטלעכער קולטור, מיט דעם אַקצענט אויף דער וועלטלעכקייט, איז אויסגערונען געוואָרן. די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז — אין קעגנזאַץ צו די אידן אין אַמעריקע — נישט געוואָרן וועלטלעכער, ווי אין דער אַלטער היים. פאַר די אויגן פון די אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע שטעט. די לעבנספאָרמען אין אַמעריקע ענדערן זיך מיט אַזאַ שטאַרקן טעמפּאָ, אַז אַן ענגליש בוך, וואָס באַשרייבט געשעענישן און אַ לעבנסשטייגער פון עטלעכע יאָר צוריק, איז שוין אין דער בחינה פון אַ היסטאָריש ווערק. אָבער אונדזערע אידישע שרייבער האָבן נאָך אַלץ, קען מען מיינען, כינעזישע באַגריפן וועגן צייט. אויך רוים מאַכט אויף זיי נישט קיין איינדרוק.

Yiddish writer in America who bypasses Broadway, even East Broadway, and seeks his subjects in Warsaw, Vilna, Lodz, or in the times of Kasimir the Great, does so not in order to "escape reality," but because in these places and periods Jews spoke Yiddish, while here they speak either English or a jargon which no true writer can love—and where the word is not loved, it cannot be a source of creativity. It is time to make it clear that, through his language, the Yiddish writer is bound to the past. His boundaries are, spatially, the borders of Poland, Russia and Rumania, and, temporally, the date of his departure for America. Here he must, in a literary sense, dine on leftovers; only food prepared in the old world can nourish him in the new.

The impossibility for the Yiddish prose writer to describe the present, his inability to catch up with the times, often forces him to ponder Jewish history and Judaism in general, even in cases where he himself possesses no natural affinity for digging through archives. Just as the Hebraist has always had to pore through Scriptures, Mishnah, Gemara and midrash in order to grasp the sources of Hebrew, so now the Yiddish writer is compelled to probe a vanished way of life—all the laws, customs and mores of the Yiddish past. The dream of a secular Jewish culture—with the accent on "secular"—has played itself out. In America, Yiddish literature—in contrast to American Jews—has not grown worldly, as it did in the "old country." Here great cities spring up before the very eyes of the Yiddish writer. American lifestyles change at such a rapid pace that an English language book describing events and trends of only a few years ago is immediately classified as history. However, despite all this it seems that our Yiddish writers subscribe to a Chinese notion of time. Space does not impress them either. They

זיין מאכן קפיצת־הדרך איבער דעם אטלאנטיק, היפערן איבער צענדליקער און הונדערטער יארן. זייער טעמע איז און עס בלייבט דאס געטא, די פרומע איינגעשלאסנקייט אין זיך, די אידישע אפגעזונדערטקייט פון די אומות־העולם. די אידן, וואס האבן געבויט וואלקנקראצערס, געמאכט דערפינדונגען, געגאנגען אויף יאגד, געפארן אין יאכט־שיפן, געפלויגן אין ערפלאנען, געפירט אוואנטוריסטישע ליבעס און קאנטראלירט, ווי די אנטיסעמיטן גלויבן, די וועלט־פרעסע, דאס טעאטער, די פינאנסן, — יענע אידן זיינען נישטא אין דער אידישער ליטעראטור און קאנען דארט נישט זיין. דער אידישער שרייבער האלט, בדרך־כלל, היפש פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

מיר זאגן דאס בשום־אופן נישט מיט קיין כוונה עמיצן צו טאדלען. דער שרייבער פון די שורות איז זיכער נישט בארעכטיקט צו האבן אזעלכע טענות. מיר ווילן דא פעסטשטעלן א פאקט, וואס אן אים איז שווער צו פארשטיין די גאנצע דערשיינונג, וואס הייסט אידישע ליטעראטור.

די אידישע ליטעראטור איז א פראדוקט פון געטא, מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, און זי קען פון געטא נישט ארויס. דאס איז דער שליסל צו איר רעטעניש. די אידייע, אז די אידישע ליטעראטור — און די אידישע קולטור — קאנען טראגן א וועלטלעכן כאראקטער, זיין ווי ביי לייטן גלייך, איז פון אנהויב אן געווען געבויט אויף מיספארשטענדעניש. די אידן, וואס האבן געוואלט און ווילן זיין הונדערט פראצענט וועלטלעך, זיינען אוועק צו אנדערע קולטורן און באנוצן זיך מיט פרעמדע שפראכן. די יעניקע, וואס עס ציט זיי צום אידישן ווארט, צו די אידישע אותיות, זיינען פארבונדן דורך טויזנט פעדים מיט דעם גאנצן גייסטיקן באגאזש, וואס דאס גלות האט אויף אונדז ארויפגעלייגט. אט דאס איז ספעציעל דער פאקט אין אזא פריי לאנד ווי אמעריקע, וואו קיין שום פאליטישע אדער עקאנאמישע קראפט צווינגט נישט דעם איד זיך אפצוזונדערן קולטורעל. אויב ער זונדערט זיך אפ פרייוויליק, טוט ער דאס נישט צוליב „וועלטלעכע" צוועקן, נאר אויס דעם דראנג צו זיין באהאפטן מיט אידישקייט און אידישע ווערטן. גלייך ווי העברעאיש איז ביז איצט געווען די שפראך, וואס האט אונדז פארקניפט מיט די צייטן און לערעס פון תנ"ך; ווי אראמעאיש העלפט אונדז באנעמען די ערשטע עפאכן פון גלות; ווי שפאניאליש דערמאנט אין דער שפאנישער תקופה — אזוי ווערט אידיש אלץ מער דאס לשון, דורך וועלכן מיר קאנען זיין גייסטיק אין קאנטאקט מיט די לעצטע עטלעכע הונדערט

take a short cut back across the Atlantic, skipping over decades and centuries. Their theme is and shall continue to be the ghetto, pious insularity, the Jewish separateness from the nations of the world. Jews who build skyscrapers, dream up inventions, go hunting and yachting, fly in airplanes, pursue daring love affairs and who, according to the antisemites, control the world press, theatre and finances—these Jews never appear in Yiddish literature and never will. Yiddish writers, for the most part, believe themselves to live sometime before the French Revolution.

We say this with absolutely no intention of sarcasm. The writer of these lines is certainly in no position to play such games. We simply wish to establish a fact which is necessary to the understanding of the phenomenon called Yiddish literature.

Yiddish literature is a product of the ghetto with all its virtues and faults, and it can never leave the ghetto. This is the key to the riddle. The idea that Yiddish literature—and, indeed, Yiddish culture—can be cosmopolitan, an equal among equals, was from the beginning built upon misconceptions. The Jews who wanted to be one hundred percent cosmopolitan switched to other cultures and grew accustomed to foreign languages. Those drawn to Yiddish words, to Yiddish letters, were bound by a thousand threads to the whole spiritual baggage of the Diaspora. This is especially the case in a free country like America, where no political or economic pressures force the Jew into cultural isolation. If he willingly separates himself, he does so not for "worldly" reasons, but because of his need to identify with Judaism and Jewish values. Just as Hebrew has always been the language that binds us to biblical times and teachings, as Aramaic helped us endure the first epochs of exile, as Ladino recalls our time in Spanish lands, so Yiddish has gradually become the language that links us spiritually with the last several centuries of our history, which from nationalist and spiritual perspectives were rich and fruitful years. The Diaspora—the Jewish communities and their leaders, rabbis, ritual slaughterers, trustees and scholars; the pious shopkeeper and the artisan, the fervent housewife, the yeshiva boy and the child bride—this is and shall remain the subject of Yiddish literature and the determinant of its content and form. However, nothing here can alter the fact that this way of life is vanishing, if it has not already vanished without a trace. This is a truth

יאָר פון אונדזער געשיכטע, וואָס זיינען געווען פון נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן שטאַנדפונקט רייכע און פרוכטבאַרע יאָרן. דער גלות — די אידישע קהילות, די קהל־לייט, די רבנים, שוחטים, נאמנים, לומדים; דער פרומער אידישער קרעמער און בעל־מלאכה, די פרומע אידענע, דער ישיבה־בחור און דאָס כלה־מיידל — זיינען און מוזן דעריבער בלייבן די טעמאַטיק און באַשטימען דעם אינהאַלט און די פאָרם — פון דער אידישער ליטעראַטור. דער פאַקט, וואָס אַט־דער סאָרט לעבן האַלט ביים פאַרשווינדן, אָדער איז שוין פאַרשוואונדן און אָפּגעמעקט געוואָרן, קאָן דאָ גאָרנישט ענדערן. דאָס איז אַן אמת, וואָס אַ סך פון אונדזערע געשוואָרענע אידישיסטן און קולטור־טוער וועלן נישט ליב האָבן. אָבער עס איז פאָרט אַן אמת.

אַ שפּראַך, וואָס ווערט נישט געלערנט אין קיין פאָלקס־שולן, אין גימנאַזיעס, אין אוניווערסיטעטן; אַ שפּראַך, אין וועלכער עס זיינען ביז־איצט נישט איבערגעזעצט געוואָרן די קלאַסיקער פון דער וויסנשאַפט; אַ שפּראַך, וואָס ווערט נישט גענוצט אויף דער פאַרם און אין דער פאַבריק, ביים בויען באַנען און שיפן, אויטאָמאָבילן און עראָפּלאַנען — באַדינט נישט קיין וועלטלעכע אינטערעסן. די נעאָלאָגיזמען, וואָס די פילאָלאָגן פון „ייוו״א״ פּרואוון שאַפן, דאַרף קיינער נישט און קיינער וועט זיי נישט נוצן. דער אידישער לייענער, אויף וויפל ער עקזיסטירט נאָך, זוכט אין אַ אידיש בוך הויפּטזעכלעך אידישקייט, נישט די שלעכט־פאַרשטאַנענע און נעבעכדיק־איבערגעטראָגענע „וועלטלעכקייט״.

גענוי דאָס זעלביקע קומט פאָר מיטן אידישן טעאַטער. וויפל די טעאַטער־קריטיקער זאָלן נישט פאָדערן מען זאָל מאַכן אַן עק אויף דער אידישער בינע צו די בערד, די שטריימלען, די קאָפּקעס, בלייבט דאָס בעסערע אידישע טעאַטער עקשנותדיק ביי זיין אַלטן רעקוויזיט. דער דראַמאַטיקער און רעזשיסאָר ווייסן, אַז עס האָט נישט קיין שום זין אויפצופירן אויף דער בינע אַמעריקאַנער טיפּן און זיי לאָזן רעדן אידיש. זיי ווייסן — בעסער ווי די קריטיקער — אַז אידן אָן אידישער הלבשה, אָן אידישע מנהגים, וועלן נישט האָבן אויף דער בינע קיין שום קאָליר, קיין שום אָריגינאַליטעט, און אַז אַלץ, וואָס זיי וועלן זאָגן, וועט אויסקומען פרעמד און עפּעס ווי נאָכגעמאַכט.

די אידישע פּרעסע איז, נאַטירלעך, פאַרבונדן מיטן טאָג, אָבער אַ ריזיקע צאָל פון אירע אַרטיקלען האָבן צו טאָן מיט געשיכטע, נאָענטע און ווייטע. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די באַגרעניצטע צאָל זייטן פון אַ אידישער צייטונג זיינען נישט פול מיט נייעס, ווי די ענגלישע,



which will displease many of our dedicated Yiddishists and cultural activists, but it is true just the same.

A language that is not taught in public schools, private schools or universities; a language that up to now has never had the classics of science translated into it; a language that is not used on the farm or in the factory, in building trains or ships, automobiles or airplanes, serves no worldly interests. The neologisms created by the philologists at YIVO are needed by no one and no one will use them. The reader of Yiddish, insofar as he still exists, turns to Yiddish books mainly for their Jewish content, not for their ill-conceived and pathetically rendered "worldliness."

Exactly the same consideration applies to the theatre. However much the drama critics demand an end to the beards, to the fur hats and head coverings worn by pious Jewish men and women as portrayed on the Yiddish stage, the better Yiddish plays stubbornly stick to the old formulae. Playwrights and stage managers know that it makes no sense to bring American characters onto the stage and let them speak Yiddish. They know—better than the critics—that Jews without Jewish costumes and customs will lack all originality and color onstage, and all that they say will sound strange and artificial.

The Yiddish press is, naturally, bound to the present, but an enormous number of its articles are concerned with the past, both distant and recent. It is not by coincidence that a Yiddish newspaper's allotted pages are not filled with *news*, as in English language papers, but

נאר מיט באשרייבונגען פון אמאליקן רוסלאנד, פון רבנים, רביים, שתדלנים, משומדים, פאלשע משיחים, ביטערע גזירות. אפילו די לינקע שבלינקע, וואס שפייען קלעק אויף רעליגיע און נאציאנאליזם, קאנען נישט באהערשן דער יצר־הרע ארויסצואווייזן זייער כוח אין יורה־דעה און אבן־העזר און פילן אן גאנצע שפאלטן מיט פלפול. עס באווייזט ווי טיף די אידישע זשורנאליסטיק און דער אידישער לייענער שטעקן אין דעם אלטן שטייגער, אין דעם נעכטן.

אידיש גייט נאך דא נישט אונטער. אידיש וועט נאך לאנגע יארן דינען ווי א מיטל צו פארשטיין אונדזער נעכטן (און טיילוויז אונדזער היינט). אבער יעדער פרואוו צו וועלן טרייבן אונדזער לשון פאראויס איז האפנונגסלאז. אידיש קאן (אלענפאלס דא) נישט ווערן רייכער ווי עס איז; עס קאן שוין איצט נישט איבערגעבן א גרויסע טייל פון אונדזער „ווירקלעכקייט"; מיר קאנען אויף אידיש נישט לערנען כמעט קיין שום קעגנשטאנד פון פראקטישער באדייטונג. אידיש איז א קאריקאטור פון א שפראך, אויב מען וויל עס אנווענדן פאר „וועלטלעכע" צוועקן. אבער אידיש איז פול מיט נישט־אויסגענוצטע מעגלעכקייטן אויף צו אנטפלעקן אונדזער פארגאנגענהייט און אויף צו שאפן קונסט־ווערק, וואס זיינען טעמאטיש פארבונדן מיט דעם אמאל. פאר דעם צוועק קאנען אונדז דינען אפילו א סך ספרים, וואס כאטש זיי זיינען געשריבן אויף לשון־קודש, איז אבער זייער גאנצער ריטם — אידיש. מען דארף נישט פארגעסן, אז פינף הונדערט יאר אידישער גלות איז א גרויסע און פארבנרייכע עפאכע. די געשיכטע פון א סך ציוויליזירטע פעלקער איז נישט עלטער.

די אידישע ליטעראטור מוז קוקן צוריק אויף אזויפיל, וויפל עס איז שייך דער טעמע, דעם ארט פון דער האנדלונג, דעם פערסאנאזש; אבער דאס הייסט נישט, אז זי מוז זיין אפגעשטאנען. פלאבער האט אריינגעלייגט אין „סאלאמבא" נישט ווייניקער קינסטלערישע ענערגיע און א סך מער וויסן ווי אין „מאדאם באווארי". די פסיכא־אנאליז קאן פונקט אזוי אנגעווענדט ווערן צו א געשיכטע פון פארצייטנס, ווי צו א סקיצע, וואס איז ווארעם פון אקטואליטעט. איין זאך אבער איז זיכער, אז די אידישע ליטעראטור וועט וואס ווייטער אלץ מער אויסשפייען דעם עם־הארץ, דעם „רויען טאלאנט", דעם „פרימיטיוון זשעני", דעם אזוי גערופענעם „וויסנבערגיזם". דער אידישער שרייבער וועט, ווילנדיק אדער נישט ווילנדיק, אלץ מער מוזן שעפן מאטעריאל פון ספרים. ער וועט מוזן זיך באקאנען מיט אונדזערע אלטע אוצרות,

with descriptions of old Russia, of rabbis, rebbes, intercessors, apostates, false messiahs, bitter decrees. Even the most radical leftists, those who rant against religion and nationalism, cannot resist the impulse to show off their mastery of ritual law as they cover entire reams with slander. This shows how profoundly Yiddish journalists and readers are immersed in the old ways, in yesterday.

Yiddish is not yet about to leave us. It will continue for many more years to serve as a means of understanding our past (and occasionally our present). However, any attempt to push our language into the future is in vain. Yiddish cannot—especially here—grow richer than it is; even now it cannot convey a large portion of our reality, nor can it teach us anything of practical significance. When turned towards "universal" ends, Yiddish becomes a caricature of a language. However, it is filled with untapped potential to reveal our past and create art works thematically bound to that past. There are even several Hebrew religious texts which might help us to this end, for, although they were written in the holy tongue, their rhythm is entirely Yiddish. We must not forget that the five hundred years of the Yiddish Diaspora was a great and colorful period. The histories of many civilized nations are no more venerable.

Yiddish literature must look backwards as often as necessary for theme, plot, setting and character, but this does not mean that it must be old fashioned. In *Salambo* Flaubert invested no less art, and considerably more scholarship, than in *Madame Bovary*. Psychoanalysis can be applied to a story from the past just as well as to a slice of life still warm with reality. One thing, however, is certain: Yiddish literature will become more inclined to reject the boors who pretend to "raw talent" and "primitive genius," so-called "Weissenbergism" [after I. M. Weissenberg]. Whether he wants to or not, the Yiddish writer will have to turn to older books for material. He will have to become acquainted

נישטערן אין אונדזער ארכיוו. ער וועט אנטדעקן פאר זיך א ברייט, רייך לעבן, וואס איז פאר דער שיינער ליטעראטור געבליבן א קרקע־בתולה. ער וועט דערזען, אז זיינע נישט־ליטעראַרישע אור־עלטערן האבן אים איבערגעלאזט מינעס, פון וועלכע מען קאן גייסטיק רייך ווערן, אויב מען איז בכוח צו גראבן אין דער טיף. מיט אנדערע ווערטער: דער אידישער שרייבער וועט אנטדעקן אידישקייט אין גאר איר פראכט. די יעניקע אידישע טאלענטן, וואס שטרעבן אומבאדינגט ליטעראריש מיטצוגיין מיטן היינט, וועלן מוזן — אדער זיך באנוצן מיט א פרעמדער שפראך, אדער זיך באזעצן אין ארץ־ישראל און זיך אויסלערנען העברעאיש, וואס איז איצט דארטן א לעבעדיקע שפראך. ווי פאראדאקסאל דאס זאל נישט קלינגען: העברעאיש איז איצט מער א שפראך פון דער קעגנווארט, מיט אלע אטריבוטן, ווי עס איז אונדזער מאמע־לשון, אידיש.

מיר שאצן דא נישט אפ די לאגע פון א סאציאלן שטאנדפונקט. דאס זאלן טאן סאציאלאגן און פאליטיקער. מיר אליין גלויבן, אז אונדזער צוגעבונדנקייט צו דער פארגאנגענהייט האט גארנישט צו טאן מיט רעאקציע, שימל, זומפ. מיר גלויבן, אז, פארקערט, די אידישע צוגעבונדנקייט צום עבר גייט צוזאמען מיט גרויסער פראגרעסיוויטעט, ווייל די געשיכטע פון דעם אידישן פאלק איז די געשיכטע פון א פער־מאנענטער רעוואלוציע אקעגן די כוחות פון פינצטערניש. ווען אונדזערע פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערן רעדן אין איין אטעם וועגן רבנים און גלחים, וועגן דער שול און דער קירך, פעלשן זיי געשיכטע. עס איז די ערן־אויפגאבע פון דער אידישער ליטעראטור צו מאכן אן עק צו אט־דער מיספארשטענדעניש.

אונדזער מאמע־לשון איז אלט געווארן. די מאמע איז איצט שוין א באבע און עלטער־באבע. זי האט מיט אונדז געוואגלט פון דייטשלאנד קיין פוילן, רוסלאנד, רומעניע. זי איז איצט אין אמעריקע, אבער גייסטיק לעבט זי מיט דער אלטער היים, מיט אירע זכרונות. זי הייבט אן פארגעסן איר אייגן לשון, זי מישט שוין איצט אריין און פארגרייזט א סך ענגלישע ווערטער, זי מאכט קאמישע טעותים און פארדרייט די יוצרות. אבער דאס איז נאר דאמאלס, ווען זי וויל זיין מאדערן, מיטגיין מיט דער צייט, ווייזן איר וועלטלעכקייט. ווען זי הייבט אן שמועסן וועגן דעם אמאל (דורך דעם מויל פון אן אמתן טאלענט), שיטן זיך פון אירע ליפן פערל. זי געדענקט בעסער און שארפער וואס עס איז פארלאפן מיט פופציק יאר צוריק, ווי וואס עס איז געשען מיט איר היינט אינדערפרי . . .

with our ancient treasures, rummage through our archives. He will discover a rich, wide world—virgin soil from which the beautiful literature can grow. He will find that his unliterary forebears have bequeathed him mines from which he can draw untold spiritual wealth, if only he is able to dig deeply. In other words, the Yiddish writer shall discover Judaism in all its splendour. The other Yiddish writers, those who struggle vainly to keep up with the literary times, will either have to gain proficiency in another language or settle in the Land of Israel and master Hebrew, which has become a living language there. What a paradox! Hebrew is now more a living language, with all the attributes, than is our mother tongue, Yiddish.

We have not evaluated the situation from a sociological perspective. That we leave to sociologists and politicians. We ourselves do not believe that our attachment to the past has any hint of mold, mildew or reactionary ideas. On the contrary, we believe that the Jewish attachment to the past can accommodate an extremely progressive outlook, for the history of the Jewish people is the history of an ongoing revolution against the powers of darkness. When our professional revolutionaries speak in one breath of rabbis and priests, of the synagogue and the church, they falsify history. It is the noble task of Yiddish literature to put an end to such misconceptions.

Our mother tongue has grown old. The mother is already a grandmother and a great grandmother. She wandered with us from Germany to Poland, Russia, Rumania. Now she is in America, but in spirit she still lives in the old country—in her memories. She is beginning to forget her own language, mixing in many corrupted English words, making comical mistakes and confusing one language with the other. However, this is only when she tries to be modern, to keep pace with the times and show her worldliness. When she starts talking about the past (through the mouth of a true talent), pearls drop from her lips. She remembers what happened fifty years ago better and more clearly than what happened this morning.

Translated from the Yiddish by ROBERT H. WOLF